(9)
YP

# THE FUTURE

# די צוקונפט

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY FEB 25 1959

געגרינדעט אין 1892

ארויסגעגעבן פון דעם אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס

(פאראייניקט מיט „ציקא")

## אינהאלט:

דער לך־לך פון די רומענישע יידן (עדיטאריעל) י. פ. — 49

„דזשודאאיסטיש" שטום־לשון (עדיטאריעל) י. ג. — 50

ד. אנין: מלחמה און שלום אין א געענדערטער וועלט — 51

רעדאקציע: יוסף שפרינצאק ע"ה — 51

ב. רודמאן: פארלאנגט א יידן אן קאמפלעקסן — 55

מנחם באריישא: כדאי, כדאי (פאעמע) — 61

משה וויסמאן: אין די טעג פון שטילן צער (דערציילונג) — 62

אנשל רייס: די וואלן אין ישראל — 64

יוסף רובינשטיין: צוויי לידער — 68

כאסיע קופערמאן: ג. ב. מינקאווס דיכטערישע וועלט (עסיי) — 69

פריד ווינינגער: פייגל פון צפון (ליד) — 71

י. ל. טעלער: פירערשאפט ביי אמעריקאנער יידן — 72

רקודה פאטאש: מען בעט אויף יורה אין ירושלים (ליד) — 75

משה דלוזשנאווסקי: דער עדות (דערציילונג) — 76

קלמן הייזלער: היינריך היינע (ליד) — 83

יעקב גלאטשטיין: באטראכטונגען און באלייכטונגען — 84

ד"ר יוסף טענענבוים: צוויי ביכער — צוויי תקופות (רעצענזיעס) — 89

ישעיה טרונק: א ווירדיקער מאנומענט פאר א יידישער קהילה (רעצענזיע) — 91

פיליפ רובין: פארטרעטן פון בארימטע אמעריקאנער יידן (רעצענזיע) — 93

HARVARD COLLEGE LIBRARY
SERIAL DIVISION,
CAMBRIDGE, 38, MASS.

נומער 2

FEBRUARY, 1959 | באנד 64, נומ' 2 Vol. LXIV, No. 2 | פעברואר, 1959

פרייז 70 סענט

אנדערע לענדער 80 סענט

יעקב גלאַטשטיין

# באַטראַכטונגען און באַלייכטונגען

## 1. א. לוצקי

דאָס פינפטע בוך פון זיינע לידער האָט שוין א. לוצקי נישט דערלעבט צו זען, כאָטש ער האָט די זאַמלונג אַליין צוזאַמענגעשטעלט. אָבער ווען ער וואָלט זיין „פון אַלדאָס גוטס" יאָ געזען און געלייענט, נאָכדעם ווי זיין נאָענטער חבר א. קאַרלין האָט אַזוי געטריי אָפּגעהיט דעם גייסט און אַפילו דעם פיזישן אויסשטעל פון די פריערדיקע פיר ביכער, וואָלט א. לוצקי קיין גרויסע איבערראַשונגען נישט געפונען אין זיין לעצטער לידער־זאַמלונג. דאָס בוך וואָס איז דערשינען נאָך דעם פּאָעטס טויט, פאַרמאָגט זיכער ניט אַלע חנען פון לוצקיס פריערדיקע לידער, אָבער לכל־הפּחות די חנדלעך זיינע און די גאַנצע אָנגעוואָרפענע לאַבאָראַטאָריע פון זיין אַמאָליקער מאַגיק. דער חיסרון פון זיינע לעצטע לידער באַשטייט אין דעם, וואָס די הענט פון מאַגיקער זיינען שוין ניט אַזוי געפלינקט און בלויז אין גוט־מוט לאָזט מען זיך אפשר אָפּנאַרן פון אַן אַלטן קינצלער.

א. לוצקי איז געווען איינער פון אונדזערע אָריגינאַלן, וואָס האָט מיט זיין ערשטן בוך לידער „אומעטיק און פריילעך" (דערשינען אין 1927), אַלעמען איבערראַשט מיט זיין רייכן רעפּערטואַר, וואָס ער האָט אויסגעשפּילט. ס'איז גוט וואָס אהרן קאַרלין גיט אונדז, אין דעם לעצטען בוך, אויך א. לוצקיס „ערשטע לידער", וואָס זיינען דערשינען אין „פאָרווערטס", ווען דער דיכטער האָט נאָך געהייסן אהרן צוקער.

ס'איז דאָס לעבן וויסט,
פינצטער אָן אַ שיין;
דאָך הער איך אַ שטים:
עס קען נאָך ערגער זיין.

איינער בלינד און שטום,
זעט ער נישט די וועלט,
קען ער נישט זאָגאַ
זאָגן וואָס אים פעלט.

דאָס זיינען שורות פון אַ ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס", אין יאָר 1917, אין צוויי יאָר שפּעטער, ווען לוצקי איז צוריקגעקומען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איז ער שוין געוואָרן אַ צוריקגעוויזענער פּאָעט. דער זעלביקער „פאָרווערטס" האָט נישט געוואָלט דרוקן זיינע נייע לידער, ווייל אין זיין דראַמאַטישער זיך־איבעראַנדערשונג האָט ער געזאָגט אויף זיך —

איך בין לויטער ליד,
אַזוי ווי איילנדיקע דינע וואַסערלעך.
מיט אַ קלאָרקייט פון
פאַרנאַכטן איבער וועלדער.

געזאַנג,
באַנג.
לויטער יאָנטעוו.
אַ דרעהויבענער פון זיך אַליין.
אַ נאָענטער פון הויכן וייטן.
אַ ליכטיקייט צו גאָרע צייטן.

זיין „פאָרווערטס"־ליד איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט גראַמען און אין דעם נייעם ליד האָט מען שוין געמוזט וואַרטן שיינע עטלעכע שורות, ביז מען איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ גראַם — ווייטן־צייטן. דערצו איז ער נאָך געוואָרן אויס שרייבער פון לידער — ער אַליין איז גאָר געוואָרן „לויטער ליד".

אָן ספק אַז לוצקי האָט טאַקע דערשפּילט אין זיך דעם דאָזיקן פיזישן ציטער פון אַליין ווערן ליד — מיט אַלע חושים, ווי ער זאָגט אין אַן אַנדער פון זיינע באַנייטע לידער —

מיין ווילן ווינט אין מיר,
פון גרויס געזאַנג איז מיר.
מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאָנען.
גרויס געזאַנג אין מיר,
זינג אַרויס פון מיר.
מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר.
איך וויל ווערן.
איך ווער פאַרצערט פון וועלן ווערן.

דאָס איז אַ שליסל־ליד. ווער ס'האָט אַמאָל געענטפערט דעם רוף צו שרייבן אַ ליד, אַ רוף וואָס איז געקומען פון אינעווייניק, און וואָס מ'האָט אַמאָל באַצייכנט מיט פאַרשיידענע נעמען: רוח הקודש, שטימונג, אינספּיראַציע, ווייסט אַז ס'איז באמת אַ דורכגעציטערט געפיל, פון גלידער וואָס בעטן זיך, ציען זיך און מאָנען, פון אַ געזאַנג וואָס רייסט זיך אַרויסצוזינגען. אָבער לוצקי פאַרטרויט אונדז נאָך אַז אים איז אַזש ענג פון איבערפלוס. דעם איבערפלוס האָט ער ערשט באַדאַרפט סיסטעמאַטיזירן, צאַמען און באַהערשן. זיין אַמביציע צו ווערן, איז געווען גרויס, און דער כוח צו באַהערשן דעם איבערפלוס, וואָס איז געווען אין אים איז געווען אומגעדולדיק און קנאַפּ. ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט מיט דעם געוואַלטיקן איבערפלוס און מיט דעם וועלן ווערן.

יעדער אמתער פּאָעט פאַרמאָגט איבערפלוסן. איבערפלוס מיינט רויקייט, אַריבערגערעדטקייט, פון דעם דאַרף ערשט געשאַפן ווערן מאָס, די אינדיווידועלע מאָס פאַר דעם דיכטער, וואָס זאָל אויפן בעסטן אופן אַרויסברענגען זיין קול און זיין פּנים. לוצקי האָט גלייך געלאָזט הערן זיין קול און געוויזן זיין פּנים, אָבער ניט תמיד איז אים געלונגען צו באַהערשן זיינע מותרות — דעם רויען איבערפלוס.

דאָס איבערראַשנדיקע אין זיין ערשטן בוך לידער — „אומעטיק און פריילעך", וואָס האָט נאָך צוגעשריגן מיט אַן אונטערקעפּל — „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך" איז געווען דער נייער און באַנייטער מענטש, וואָס איז געקומען מיט אַ סך קלוגע קאָמענטאַרן און מיט אַ פרישן לידער־רעפּערטואַר. אין 1919, ווען א. לוצקי האָט זיך באַוויזן, האָט מען נאָך דעקלאַמירט און אויסגעשפּילט לידער, און א. לוצקי האָט אויף אַן אומגעריכטן אופן געביטן דעם רעפּערטואַר, אַריינגעבראַכט אַ נייעם רעציטאַציע־טאָן און אַליין געוויזן, ווי מען שפּילט אויס זיינע לידער.

די טעמעס זיינען אויך געווען נייע, ניט אַזוי ניי, ווי אַזוי צו זאָגן, אַנדערש־איבערגעאַנדערשט. יעדער דיכטער

באַשרייבט שטומע זאַכן, אָבער לוצקי האָט די שטומע זאַכן באַרירט מיט זיינע חושים. ער האָט זיי געגעבן אַ טאָקע ראָלע און זיך גענומען שפּילן מיט זיי, ווי מיט לעבעדיקע צאַצקעס. אַ סך מאָל האָט ער עובר געווען אויף דעם חטא פון איבערפּלוס און געשאַפן פאַר זיך אַן איינטאָניקן טעמע־איסוואַל.

ס'איז שוין אַזוי פיל מאָל באַמערקט געוואָרן, אַז לוצקי איז געווען אַ געבוירענער אַקטיאָר און ער האָט בעסער פון די בעסטע אַקטיאָרן געקאָנט אַרויסברענגען זיינע אַ ליד. אין זיין ליד איז גלייך געווען דער אויסשפּיל. אין דעם איז באַשטאַנען דער גרויסער חסרון פון זיין אייגנאַרטיקער פּאָעזיע. זי איז געווען צו פול און אויספּירלעך. זיינע אַ ליד פאַרמאָגט אַלץ וואָס לוצקי האָט אין דעם לכתחילה געוואָלט אַריינאַרבעטן, אַחוץ לופט און שטוינונג וואָס אַ ליד דאַרף האָבן. אַפילו לוצקיס אַזוי־גערופענע מיסטישע לידער זיינען נישט מיסטיש, ווייל זיי זיינען צו אויסגעשפּילט. די מיסטיק איז אַן אויפגעקלערטע, מיט אַלע קנייטשן. ער לאָזט גאָרניט איבער פאַר אונדז, ער געטרויט אונדז נישט, ער האָט מורא אַז מיר וועלן זיין ליד קאַליע מאַכן אָדער ניט כאַפּן דעם מיין, דערלאַנגט ער עס שוין מיט די קאָמענטאַרן.

לוצקי איז געווען אַ אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיקער באַלמעלאָכע. ער האָט געהאָרעוועט אויף יעדער וואָרט און שורה. אָבער זיין לשון איז געווען אָרעם און זיין ווערטער־אוצר אַ מאָגערער. זיינע גוטע ווערטער־איינפאַלן זיינען ביי אים אָפט אַ גליקלעכער פּועל יוצא, דווקא פון דעם ווערטער־קלעם וואָס אין אים האָט ער זיך געפונען. זיין, טראַכטערישע לידער זיינען אויך גליקלעכע איינפאַלן פון אַן אָריגינעלן אומאָרגאַניזירטן טראַכטער. אַ ביסל מער וויסן און לוצקי וואָלט קאַליע געוואָרן. זיין אָריגינאַליטעט האָט אים געשטויסן צו זיין נאָך אָריגינעלער, און דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, ווייל זיין וועלט האָט אויסגעשלאָסן אַזויפיל עלעמענטאַר וויסן, וואָס וואָלט איבערגעפירט זיין ליד און וואָלט אים געשטעלט העכערע פאָדערונגען, וואָס צו זיי וואָלט אים אפשר שווער געווען צו דערגרייכן.

ווען מען גייט למשל אָן דאָס באַזונדערע לעבן פון אַ קאָרנעט? לוצקי דערציילט אונדז, אַז אַ קאָרנעט קען נישט וויינען, מ'ווינט אין אים אַריין און ער לאַכט אַרויס: ראַ־ראַ־ראַ. „דער קלענסטער אין דער שפּילערישער משפחה און שרייט אַלעמען איבער". אָבער אין אָרקעסטער, ווי לוצקי האָט אים דיריגירט און אויפגעשפּילט, אין זיינע אַזוי גערופענע אימפּראָוויזאַציעס, קריגן אי דער קאָרנעט, אי דער טראָמבאָן אויך אַ שטיק תיקון. אָבער ערשט אין זיינע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זיינען אַזאַ וואונדערלעכע רעפּערטואַר־ירושה פאַר אַקטיאָרן, זעט מען דעם ניט־באַגייסטערטן איבערפּלוס, דער עיקר ווען מען לייענט די שורות מיט די אויגן און ניט מיט אויערן, וואָס הערן ווי אַן אַקטיאָר שפּילט זיי אויס.

קורץ און שאַרף:
גאָט זאָל העלפן,
ביי קינדער,
ביי אייניקלעך,
ביי אור־אייניקלעך
און ביי . . .

דאָס זיינען אויסגעשטעלטע שורות, וואָס אַן אַקטיאָר קאָן אין זיי אַריינבלאָזן אַ ביסל לעבן. לוצקי האָט די שורות באַזאָרגט מיט אַ מאָראַל —

מענטשן ווילן אָן אַ סוף
עס זאָל זיך ציען און ציען
מיט זיי אינאיינעם
אייביק.

און דאָס איז בפירוש אמת, אָבער לוצקי איז געווען זיכער אַז ער האָט נאָר וואָס דעם אמת אַנטדעקט, אין די לחיימס פון די יידן. אין דער איינגערעדטער זיכערקייט פון אָקאָרשטיקער אַנטדעקטקייט און אַנטפּלעקטקייט, איז געלעגן לוצקיס מאַגיק. ער האָט טאָקע בפירוש געגלויבט אין זיין דערפינדערישקייט, און גלויבנדיק איז אים געלונגען צו שאַפן אַ סך אָריגינעלע שורות פון אַ מין דיכטערישן ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָס האָט גאָרניט געהאַט פריער און געהאַט ווייניק געדולד פאַר דעם שפּעטער, אַפילו ווען ער איז צוריקגעקומען צו ציוויליזאַציע.

אָט די נאַאיוויזירטע פרייד געפינט מען אין לוצקיס ערשטן בוך לידער, און נאָך מער אָריגינאַליזירט אין זיין צווייטן בוך לידער — „בראשית אינמיטן", (דערשינען אין 1932), אין „בראשית אינמיטן" האָט לוצקיס אומגעהייערער דראַנג צו ווערן, געקראָגן אַן אייגענע מאָס. ער האָט זיך שוין געקענט אַפילו געפינען אין געצאַמטע שורות —

איך טובל זיך אין וועלט.
איך בין אַ ווייל — און שאַף זיך דויער.

לוצקי האָט געגעבן לשון דעם פּרימיטיוויזירטן פּרעגער, דעם וואַנדערער דעם ערשטן גאָט־זוכער און פאַרטייטשער פון „איידער־איידער". זיינע שטומע שפּילעכלעך זיינען געוואָרן סימבאָלן.

צייטס אַ זינדעלע
וועלטס אַ זיידעלע,
אָנהויבס אייניקל
שטילקייטס חברל.

אין זיינע צוויי שפּעטערדיקע ביכער איז שוין א. לוצקי געווען אַן אויסגעשעפּטער, פּשוט דערפאַר ווייל זיין טעמאַטיק איז געלעגן אויסגעפּאָרשט, אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען פון אַלע זייטן. ער האָט זיך מיט זיין בוך „פּאָרטרעטן" אין 1945 דערפאַר אַ קער געטאָן צו לעבעדיקע מענטשן און גענומען קאַריקאַטוריש נאָכמאַכן לעבעדיקע גרימאַסן פון באַקאַנטע פּערזאָנען, און מיט זיין בוך „צום לעבן" (דערשינען אין 1948), האָט ער, לויטן שער־בלאַט, שטאַרק געוואָלט געבן אַ נייעם בוך „מיט נייעם תוך, געדאַנק געזאַנג, מיט עפּעס נאָך, באַגלייט מיט פרייד פון א. לוצקי", אָבער געווען איז אין דעם בוך, ווי אין די „פּאָרטרעטן", בלויז די פרייד פון דערמאָנען און איבערחזרן אַלטע פּאָעטישע דערגרייכונגען, אויף דעם הינטערגרונט פון ווערטער־אָרעמער פּראָזע און דערשלאָגענע גראַמען —

וואָס זאָל ער שוין זאָגן.
ער דרייט זיך אום דערשלאָגן
און פאַרקלעמט.
ער ווייסט נישט וואו מען נעמט.
ער קוקט די אויגן אוים:
כאָטש „עפּעס" א. אַז. וו..

דאָס איז אַ ליד פון אַ שלימזל, אָבער אין דעם ליד פעלט שוין אַפילו דער בליציקער קאָמענטאַר לוצקיס, וואָס האָט אויסגעלייזט די אָרעמקייט פון דער פּראָזע זיינער אין ליד. ערשט די פּראָזע אין ליד מוז מען דערהויבן, כדי די

זאָגעוודיקייט זאָל זיין אַזוי אָנגעלייגט און יום־טובדיק ווי די זינגעוודיקייט.

דאָס לעצטע בוך א. לוצקיס דאַרף גוט אַנאַליזירט ווערן, ווייל די ראַם פון בוך איז די זעלביקע ראַם, ווי פון אַלע זיינע פריערדיקע לידער־ביכער, אָבער די מידקייט און פאַר־לאָשנקייט איז דאָ נאָך קאָנטיקער ווי אין זיינע פריערדיקע צוויי ביכער. לוצקי איז אין דעם לעצטן בוך זיינעם דער נאַקעטער זאָגער.

דער חכם
איז גאָרנישט אַזאַ קלוגער
ווי סע טראַכט זיך.
דער טיפּוש
איז גאָרנישט אַזוי נאַריש
ווי סע דאַכט זיך

אַט די אמתדיקייטן ווערן אין דעם בוך נישט דערהויבן. אַן אַנדער ליד זאָגט אונדז אַז

ווער איז אַ נאַר?
יענער.
ווער זעט אויס אַלט?
יענער.
ווער איז געשטאָרבן?
יענער.
יעדער איך
ביי זיך
איז קלוג.

ווידער האָבן מיר אַ געזאָגטן אמת, אָבער אָן דעם אַמאָ־ליקן כישוף לוצקיס דעם דאָזיקן אמת אויסצוקויפן און אים פּאָעטיש פאַרוואָרן.

דאָס לעצטע בוך ווייזט אונדז לוצקין, מיט זיך אַליין, מיט זיין איבערגעטריבענער מבינות אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ גרייסער מאָס, אָן אַן אויער פאַר דרויסנדיקער קריטיק, וואָס אין איר דאַרף זיך זעלבסט־קריטיק שאַרפן און זיך אויסבילדן. זעלבסט־קריטיק, אָדער רופט עס מבינות אויף זיך, דאַרף ערשט זיין געאיבט און געזיכערט קעגן שמאַלקייט. זעלבסט־קריטיק טאָר נישט קומען פון אַן אַפּטויטנדיקער זעלבסט־זיכערקייט, וואָס לעבט זיך אויס אין אַן אייגענעם חלל.

לוצקיס געוואַלדיקע ליבשאַפט צום לעבן, קומט אָבער פאַרט צום אויסדרוק אין דעם דאָזיקן לעצטן בוך פון לידער און קיין ליבהאָבער פון לוצקיס אַמאָליקע לידער, וועט נישט פאַרפעלן צוצושטעלן דאָס פינפטע בוך — צו די פריער־דיקע פיר ביכער, ווי די „זעמטלעכע" ווערק פון אַ טראַגישן פאַרליבטן אין לעבן. אין דעם בוך געפינען מיר זיין אויפ־שוידערנדיקן פּראָטעסט קעגן שטאַרבן, וואָס ער האָט גע־שריבן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט. אין דעם לעצטן בוך „פון אַלדאָס גוטס" געפינען מיר צענדליגער אַזעלכע שורות—

סוף —
פאַר מיר די גרעסטע שטראָף.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דעם טראַגישן אויסרוף —

וועלט — מיין לעבן!

אין דעם בוך האָבן מיר אַ בולטן מוסר השכל פון אַ דיכטער וואָס האָט גאַנצע נעכט געזאָגט פאַר חברים־הערערס, געחכמהט, געשפּילט, געוויצלט, געמימיקט, אַרויסגערופן גע־לעכטער, און געווען איז ער שפּעטער איינזאַם, אַליין אין זיין חדר און נישט געהערט פון קיינעם. אַז מען טאָר נישט פאַראייביקן אַזעלכע שורות ווי —

וועלכע שפּראַך איז מיינע,
יידיש צי העברעאיש?
ביידע שפּראַכן, מיינע,
און ביידע האָב איך ליב.
וועלכע לאַנד איז מיינע,
אַמעריקע צי ישראל?
ביידע לענדער מיינע
און ביידע האָב איך ליב.

קיינער האָט אים נישט געזאָגט, קיינער האָט אים נישט געפירט און נישט אַרויסגעפירט פון דער ענגשאַפט פון זיין חדר און פון דער טראַגישער באַגרענעצטקייט.

אין לוצקיס ליד, וואָס כ'האָב ציטירט ביים אָנהייב זאָגט ער אויף זיך אמתדיקע מבינות אַז ער איז „אַ דער־הויבענער פון זיך אַליין". זיין איבערברוך נאָך זיין צוריק־קום פון מיליטער איז אַזאַ פענאָמענאַלער, אַז זיין דער־הויבונג האָט געמוזט קומען פון פאַרבאָרגענע טיפן אין זיך. אָבער אַ ליד פון זיינע ערשטע לידער, וואָס מיר געפינען אין זיין לעצטער זאַמלונג „פון אַלדאָס גוטס", און וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס", אין 1917, זאָגט אונדז לוצקי פאָראויס, אַז —

מיר דוכט זיך אַז דער מענטש
גייט קיינמאָל פאָראויס.
ער דרייט זיך אַרום
זיין אייגענער גרויס.

אויב דאָס איז אמת, איז א. לוצקיס אמתע גרויס אָנ־געצייכנט געוואָרן אין זיינע ערשטע צוויי לידער ביכער; און שוואַך איבערגעחזרט געוואָרן אין זיינע שפּעטערדיקע צוויי ביכער און פאַראַדירט געוואָרן אין זיין לעצט בוך. זיין פּרימיטיוויזם האָט אים געגעבן זיין אָריגינעל ליד, אָבער ס'ווייזט אויס אַז נישט נאָר ערודיציע שעפּט זיך אויס, נאָר אַפילו פּרימיטיוויזם. די קונסט פון אונדזער יאָרהונדערט האָט אונדז געוויזן, אַז ערשט פּרימיטיוויזם פאָדערט גרויס באַהערשונג און אַ סך אויסגעבילדעטן און ציוויליזירטן קאָנטראָל. אָבער געבענטשט זאָל זיין א. לוצקי פאַר דעם וואָס ער האָט אונדז געגעבן, ווען ער איז אָנגעלאָפן מיטן אימפּעט פון זיינע ערשטע איינגעגלויבטע אַנטדעקונגען.

2. פּ. ס. — ד"ר זשיוואַגאָ

אַ העלפט פון באָריס פּאַסטערנאַקס רפואה פאַר דעם יידישן פּראָבלעם איז אָרטאָדאָקסיש־לעניניסטיש. יידן מוזן פאַרשווינדן, זיי מוזן אויפהערן צו עקסיסטירן. ווען מישאַ גאָרדאָן, דער יונגער משומד־פריינד פון ד"ר זשיוואַגאָ, וויל פּטור ווערן פון יידישן פאָלק, און באַגרינדעט מיט זעלבסט־שינאה זיין ווידערווילן צום פּוסטן מאַרטירערטום פון אַן אויסגעשפּילט פאָלק, וואָס האָט ביט קיין עקסיסטענץ־באַ־רעכטיקונג, איז נאָך קיין פּראַקטיצירנדיקער קאָמוניזם נישט געווען אויף דער וועלט. ס'איז נאָך געווען בעת דער ערש־טער וועלט־מלחמה. אָבער פּאַסטערנאַק האָט שוין אַריינגע־לייגט אַנאַכראָניסטיש אין גאָרדאָנס מויל די ווערטער, וואָס דאַרפן שפּעטער קומען פון אַ כרושטשעוו, פון אַ פורצעוואַ.

צי אומדירעקט פון אַ מיקאָיאַן. אויב ס׳איז אמת דער באַריכט פון פוילן, אַז כרושטשעוו האָט זיך גאָר פאַרליבט אין „ד״ר זשיוואַגאָ״, האָט ער מסתמא דערזען די פרומע קאָמוניסטישע זייטלעך וועגן דעם יידישן פאָלק און ס׳איז אים זיכער וואוילגעפעלן.

די צווייטע העלפט פון פאַסטערנאַקס ליקווידאַציע־רפואה איז — קריסטענטום. דאָס איז שוין ניט קאָמוניסטיש, אָבער אויך די לייזונג קען נישט שטאַרק אַרויסברענגען פון די כלים אַ גוטן קאָמוניסט. זאָלן נאָר יידן ווערן קריסטן, וועט מען זיך שוין שפּעטער מיט זיי ספראַווען. דערווייל וועט מען גיך פּטור ווערן פון דעם ספּעציעלן יידישן פּראָבלעם. אויב דער מיאוסער שפּיי אויפן יידישן פאָלק און אויף זיין אמונה פאַרנעמט בלויז עטלעכע זייטלעך אין פאַסטערנאַקס ווערק פאַרווייכערט אָבער די קריסטלעכקייט דאָס גאַנצע בוך. געדענקענדיק גוט אַז אַ געוועזענער ייד האָט געשריבן דאָס ווערק, איז שווער פאַר אַ יידישן לייענער זיך צו באַהערשן און אַראָפּשלינגען דאָס קריסטלעכע אויגנגלאַנצעניש און די בלעקערצעריי, וואָס דאַרף עס ראַטעווען דעם יחיד, אין קאַמף מיט דעם פּלאָג פון קאָמוניזם. אַוודאי האָט פּראַוואָסלאַווע קריסטנטום געראַטעוועט איין יחיד — באָריס פאַסטערנאַקן, און אים געגעבן אַ געוויסע אָפּגעזונדערטע און פּריווילעגירטע שוץ, אַ מין מאָנאַכישע אומבאַרירלעכקייט, אָבער ווי אַן אַלגעמיינע רפואה איז עס מוקצה.

ד״ר זשיוואַגאָ איז ברייט פּראָקלאַמירט און רעקאָמענדירט געוואָרן ווי אַ קריסטלעך ווערק. אַ באַקאַנטער קריסטלעכער שרייבער, טאָמאַס מוירטאָן, האָט געקויפט אַ פערטל זייטל אין דער „ניו־יאָרק טיימס״ און הויך פּראָקלאַמירט און באַזונגען די קריסטלעכע רעוואָלאַציע פון פאַסטערנאַקס ד״ר זשיוואַגאָ: אַלץ וואָס ער (פאַסטערנאַק) פאָדערט פון אונדז״, מוסרט טאָמאַס מוירטאָן, „איז צו עפענען די אויגן און זען, ווי ער זעט, די בלענדנדיקע און פּחדימדיקע אַנוועזנהייט פון קריסטוסן אין דער געשיכטע פון אונדזער צייט״.

מוירטאָן האָט עס נישט אויסגעזויגן פון פינגער. ער האָט עס געפונען אין בוך. ער זאָגט אונדז ווייטער אין זעלביקן לויב־אַנאָנס, אַז „ער האָט געוויזן דער וועלט עפּעס פון דעם פייער און ליכט, וואָס איז דעם מענטשנס צוקונפט אויף דער ערד און אין הימל״.

אַזוי רעדט דאָס ווערק צו אַ קריסטלעכן פּראָפּאַגאַנדיסט — ניט אַ ביליקן מיסיאָנער — נאָר אַ פרומען קריסטלעכן שרייבער.

עדמונד ווילסאָן, דער באַליבטער אַמעריקאַנער קריטיקער, זעט „ד״ר זשיוואַגאָ״, ווי אַ קריסטלעכע אַלעגאָריע, אַפילו די נעמען פון די העלדן ווערן ביי אים פאַרטייטשט ווי סימבאָלן פון קריסטלעכע הייליקע, און די גאַנצע מעשה ווערט ביי אים אַ רוסישע פרומע „סקאַזקאַ״.

דער רוסישער שרייבער מיכאַאיל קאָריאַקאָוו האָט אין דער סאָציאַליסטישער רוסישער צייטונג „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ״, דעם 21טן דעצעמבער, פאַרעפנטלעכט אַ טריפנדיקן און ברענענדיקן קריסטלעכן געזאַנג צו באָריס פאַסטערנאַקן. ער לויבט שטאַרק דעם „טאַלאַנטפולן ישראל פובליציסט יולי מאַרגאָלין״, פאַר פאַרטיידיקן „ד״ר זשיוואַגאָ״ קעגן זיינע אײפערדיקע יידישע קריטיקערס. אָבער ער האַלט מאַרגאָלינען ביים לאַץ לאָזט אים ניט אָפּ און זאָגט אים, אַז האָט ער שוין געזאָגט אַלף, מוז ער זאָגן ביית, גימל, ביז תיו און אָננעמען „כריסטאָסן״, מיט גאָטס מוטער און מיט דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג. קאָריאַקאָוו ברענגט אַרויס, אַז

דאָס גאַנצע בוך זידט ממש מיט פרומער קריסטלעכקייט. ער האָפט דערפאַר, אַז אַ סך יידן אין מדינת ישראל וועלן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערלייענען דאָס ווערק און דערזען, וואָס עס זאָגט אונדז פאַסטערנאַק אין זיין בוך. קאָריאַקאָוו קנעלט מיט מאַרגאָלינען אַז — „אָט אַזוי ווערט עס געזאָגט דורך פאַסטערנאַקן: מען דאַרף זיין געטריי קריסטוסן״.

„ס׳איז אָן ספק יאָ אַזוי טראַכט דאָקטאָר זשיוואַגאָ און פאַסטערנאַק״, פאַרזיכערט אונדז קאָריאַקאָוו „ווייל דאָס איז די גאַנצע ריכטונג און די גאַנצע שטימונג פון גאַנצן ראָמאַן״.

קאָריאַקאָוו פוילט זיך נישט און באַמערקט וויפל מאָל „כריסטאָס״ ווערט דערמאָנט אין פאַסטערנאַקס ווערק. ער ווייזט ווי וואונדערלעך פאַסטערנאַק שילדערט די איקאָנע פון גאָטס מוטער״ און ער ווייזט אָן אויף דעם אמת פון דעם ישראל פובליציסט, אַז רעדנדיק וועגן דער פילאָסאָפיע פון ווערק, לאָזט ער אַרויס דעם הויפּט מחותן און הויפּט־העלד — כריסטאָסן. ווי קען מען רעדן וועגן ליבשאַפט און נאָענטשאַפט צום מענטש, ווען פאַסטערנאַק לערנט אונדז, אַז פריער פון אַלץ מוז מען זיין געטריי קריסטוסן? פרעגט קאָריאַקאָוו צודרינגלעך.

„זייענדיק געטריי צו אַזעלכע אידייען, לויט פאַסטערנאַקן („פאָ־פאַסטערנאַקו״) קען מען עס אָבער נישט זיין, ניט זייענדיק געטריי כריסטאָסן״.

קאָריאַקאָוו וואַרפט זיך אַרויף אויף דעם אוצר פון די לידער וואָס דער העלד ד״ר זשיוואַגאָ האָט איבערגעלאָזט, 25 לידער און גאַנצע אַכט פון זיי זיינען פאַרבונדן „מיט דער טעמע — קריסטוס״.

באָריס פאַסטערנאַק, לערנט מיט אונדז ווייטער קאָריאַקאָוו, אַ רוס וואָס האָט דערשפּירט דעם הייסן קריסטלעכן אָטעם פון פאַסטערנאַקס ווערק, ברענגט נישט אַרויס גלאַט אַזוי אַבסטראַקטע געדאַנקען, וועגן פּערזענלעכער פרייהייט, „נאָר פריער פון אַלץ — יעזוסן, ווייל אָן אים זיינען פוסט אַלע אידעען״.

און קאָריאַקאָוו שרייט אויס מיט טריאומף:

„איז עס נישט דער העכסטער צייכן פון אונדזער צייט, אַז דער ייד פאַסטערנאַק האָט אָנגעשריבן, אין רוסלאַנד, אַ בוך וועגן קריסטוסן און וועגן דעם אַז מען מוז זיין געטריי קריסטוסן״?

ווי מיר זעען איז נישט געווען אַזוי איבערגעשריגן פון מיין זייט, וואָס איך האָב אין דעם ווערק געזען אַ קריסטלעךמיסיאָנערישע טענדענץ. די דאָזיקע טענדענץ איז אַן אָפענע, זי באַהאַלט זיך נישט. אויב ס׳ווילן אויף דעם פאַרמאַכן די אויגן מענטשן וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן „ד״ר זשיוואַגאָ״, ווי אין אַ פאַרפוילטער שטרוי, וואָס זאָל כלומרשט דינען ווי אַן אָפּוועך קעגן קאָמוניזם, איז מהיכא תיתא. ס׳איז אָבער מיין חוב צו זאָגן, אַז ס׳איז אַ מיאוסע פאַרבלענדעניש, ווייל די בוכשטעבלעכע קריסטלעכקייט פון ווערק און די ניהיליסטישע פרייהייט פון יחיד, וואָס ווערט געפּרעדיקט, מאַכט אַ תל פון גאַנצן בוך. ס׳קען נישט זיין אַנדערש. אַ ייד ווי פאַסטערנאַק, וואָס זיין יידישקייט האָט אים דערפירט צו זעלבסט־האַס, צו קריסטוסן און צו דער „באַגאָראָדיצאַ״, קען נישט שרייבן אַ קינסטלעריש ווערק פאַר אונדזער עפּאָכע. ער מוז געבן פאַלשע מאָס און פאַלשע וואָג. ער מוז זיין אָדער צעדרייט, אָדער אַ שונדיסט, צי גאָר אַ ליטעראַרישער קאַריעריסט, וואָס האָט געוואָלט שיסן

דעם פויגל און געטראָפן, ווי אַזוי מען דאַרף אים שיסן, אין אונדזער צעטומלטער צייט.

פאַר מיר איז „ד״ר זשיוואַגאָ״ אַן עקלדיק ווערק. איך זע די פאַלשע שטעך. מיט אַ משומדס פרומען קריסטנטום ווי אַ פונדאַמענט, האָט נישט געקענט זיין אַנדערש. אַלץ האָט געמוזט נעמען גרילצן אין דעם פאַלשן צוזאַמענשפיל. אַזאַ פּאָעט, ווי אַ בתולה, קען נישט זיין אַ קאַפּיטשקע שוואַנגער, ער מוז אויסטראָגן אַ ווערק — אַ ממזר.

איינער פון מיינע קריטיקערס, וואָס ס׳איז אונטער מיין ווירדע מיט אים צו פּאָלעמיזירן, ווייל ער האָט זיך אַרויפּגעוואָרפן אויף מיר, ווי כ׳וואָלט אים געקוילעט דעם דרדקי־אינטעלעקט, לאַכט סאַרדאָניש און ער וואַרפט מיר פאָר אַז איך דעררעד זיך אַזש „צום אַבסורד״, אַז דאָס גאַנצע בוך איז קינסטלעריש אַ דורכפאַל און איז אָנגעפּיקעוועט מיט נודנאָטע און באַנאַליטעטן.

דאָס איז אַן אמת המוגישער, וואווילערישער אויסלאַך, ווייל ער ווייסט דאָך בפירוש אַז דאָס בוך איז אַ „בעסט־סעלער״, טאָ ווי קען איך זיך דערוועגן צו זאָגן אַזאַ „אַבסורד״ ? וואָס זשע איז דער אמת ?

דער קריטיקער פון דער „טיימס״ האָט דאָס בוך אַראָפּגעריסן. דער קריטיקער פון דער טריביון האָט דאָס ווערק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. דער קריטיקער פון דער „טעלעגראַם״ האָט פשוט געזאָגט, אַז ער ווייסט נאָך אַלץ נישט מיט וואָס „ד״ר זשיוואַגאָ״ איז אַ גרויס ווערק. קליפטאָן פאַדימאַן האָט, אויף טעלעוויזיע, בפני כל עם ועדה, דערקלערט אַז „ד״ר זשיוואַגאָ״ איז קינסטלעריש אַ דורכפאַל.

אין זשורנאַל „דיסענט״ האָט דער דראַמאַטורג לייאָנעל אייבעל דערקלערט, אַז ער מוז זאָגן דעם אמת, אַז פּאַסטערנאַקס ווערק טויג נישט. ער אַנאַליזירט דעם געבוי, די העלדן און ער קומט צום אויספיר אַז ס׳איז — אָנגעפּיקעוועט מיט באַנאַליטעטן.

אין דעם פראַנצויזיש־יידישן זשורנאַל „לאַ טער רעטרואוועי״ רייסט מען אַראָפּ „ד״ר זשיוואַגאָ״. מר. קאַרמייקל האָט אין דעצעמבער־יאַנואַר־נומער פון „אַמעריקען איזראַעל רעוויו״ געמאַכט אַ תל פון פּאַסטערנאַקס ווערק, אין אַ גלענצנדיקער אָפּהאַנדלונג. ער פרעגט דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב געפרעגט וועגן דעם הנצעקתה אַרום אַ פאַלש און נודנע ווערק. קאַרמייקל שטעלט זיך אָפּ אויף דעם „ליבעראַלן אַנטיסעמיטיזם״ און זעלבסט־האַס פון פּאַסטערנאַקן. קאַרמייקל נוצט אין זיין קריטיק אַזאַ אויסדרוק ווי „מאַראַניש״, וועגן דער פלאַכער פילאָסאָפיע פון „ד״ר זשיוואַגאָ״. ער באַווייזט אַז ד״ר זשיוואַגאָ איז אַ פּאַפּירענער העלד, אַז דאָס גאַנצע ווערק איז שרעקלעך נודנע און אומלייענבאַר. פרעגט דערפאַר קאַרמייקל זייער ריכטיק: מוז טאַקע די קאַלטע מלחמה אונדז באַרויבן פון אונדזער געזונטער אורטייל־קראַפט און קריטיק ?

דער ערנסטער זשורנאַל „קעניאָן רעוויו״ (ווינטער 1959) ברענגט אַן אויספירלעכע קריטיק וועגן „ד״ר זשיוואַגאָ״, פון דעם נאָוועליסט און קריטיקער ריטשאַרד ד. סטוירן, וואָס ברענגט אויך אַרויס, אַז ד״ר זשיוואַגאָ איז אַ טרויעריקער דורכפאַל. ער נעמט זיך צייט און אַנאַליזירט דאָס ווערק פון זיבן פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און קומט צום אויספיר אַז ס׳איז נישט מער ווי „ליטעראַרישע גימנאַסטיק...״ „אָנגעפּלאַפּלטע אויפגעבלאָזנקייט, נערוועז צעשאָטן איבער אַ סך זייטן״. די באַרימטע נאָוועלע, פאַרענדיקט מ״ר סטוירן זיין קריטיק, איז „אַ שלעכט און שווער ווערק... און מען טאָר עס נישט באַהאַלטן״.

אין דער „אַפריקאַנער יידישע צייטונג״ פון צווייטן יאַ־נואַר, געפינען מיר אַז אין „דבר״, אין מדינת ישראל, אין געוועזן פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע קריטיק פון דיכטער שלום, וואָס ווייזט אָן אויפן יעזואיטישן כאַראַקטער פון ווערק דאָס זעלבע טוט, אין אַ לענגערן מאמר, אין זעלבן „דבר״ דער פובליציסט יחיאל האָפער. הכלל, מען האָט זיך אַרומגעזען.

אַוודאי האָט מען זיך אַרומגעזען און ס׳איז ווייט פון אַן אַבסורד צו דערזען, אַז אויף אַ פונדאַמענט פון פאַלשקייט איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פאַלש ווערק, און מיט אַ פאַלש קינסטלעריש ווערק וויל איך אַפילו נישט גיין אין מלחמה קעגן קאָמוניזם. איך בין נאָך ניט אַזוי אַנטוישט אין סאָציאַליזם און אַזוי פאַרצווייפלט, אַז איך זאָל זיך מוזן ראַטעווען מיט אַזאַ ערזאַץ־פרייהייט, וואָס פּאַסטערנאַק פאַרדיקט, אויפן וועג צו די לעמפלעך פון דער „באַגאַראַדיצאַ״.

בכלל דאַרף אַמאָל אויסגעפאָרשט ווערן די פּאַטאָלאָגישע נטיה פון טייל יידישע ראַדיקאַלן און כלומרשטע אַפּיקורסים צום קריסטנטום. אַזוי ווי זיי דערהערן אַ וואַרעמען יידישן אויסגעשריי קעגן אָנשטעל פון קריסטנטום, גורטן זיי אָן די ברוכלענדן און גייען אין מלחמה. בייטיקט זיך טאַקע אַ ניט־גלויביקער ייד אין דעם רעליגיעזן אַריינשפּריץ פון אַ קאַפּיטשקע קריסטנטום ?

וועל איך פאַרענדיקן מיט אַ שטאָלצן אויסרוף פון אַ יונגן ענגלישן פּאָעט, אַ ייד, דעני אַבסע, וואָס האָט נישט קיין מורא צו זאָגן אין לאָנדאָן גופא, און אין דער „דזשואיש קראָניקל״ (דעם 16טן יאַנואַר) אַז — „קריסטנטום איז פאַרוואַרצלט אין מאַזאָכיזם און טויט״.

---

## ת י ק ו ן   ט ע ו ת

אין נאָטיץ וועגן „גאָטס באַשעפענישן״ פון י. מעצקער, פאַרלאַג „מתנות״, זיינען אַריינגעפאַלן אַ פּאָר טעותים, וואָס מיר ווילן דאָ קאָרעגירן:

עס דאַרף זיין: דערשינען „גאָטס באַשעפענישן״ פון י. מעצקער אין פאַרלאַג „מתנות״.

אין בוך קומען אַריין פאָלגנדע דערציילונגען:

1) דער דערעש, 2) אין בלויען פרימאָרגן, 3) אַ פרעמדער, 4) דער אַלטער בוים, 5) אַ מעשה מיט אַ גענדזל, 6) צוריק צום וואַלד, 7) די זאַטע, 8) דער העלדישער האָן, 9) אין דער גרויסער שטאָט, 10) אַ ניי לעבן, 11) דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קערנדל, 12) דער רוף פון פעלד, 13) אַ ביימל אויפן פענצטער, 14) די גרויסע ליבע, 15) אין געפאַנגענשאַפט, 16) צוויי בלויע פייגל, 17) דער היטער פון קלויז, 18) אַ מאַמע, 19) לופו און יאַקאָב.

---

## וועגדונג צו שרייבער:

**מחברים ווערן געבעטן צו שיקן זייערע מאַנוסקריפּטן אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע „צוקונפט״ און נישט אויף די נעמען פון יחידים־רעדאַקטאָרן.**

•

**די רעדאַקציע איז מודיע אַלע שרייבער, אַז זי וועט ניט אומקערן קיין שום מאַנוסקריפּטן, סיידן מ׳וועט ביילייגן מאַרקעס, אָדער אינטערנאַציאָנאַלע קופּאָנעס (פון אויסלאַנד).**

**אַדרעסן פון מחברים דאַרף מען אָנגעבן אויפן מאַנוסקריפּט און ניט אויף באַזונדערע קאָנווערטן.**